הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

שבועות | שנת תשפ"ו לפ"ק | גליון תק"ג

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

## גליון זה נתנדב

ע"י ידידנו הרבני הנדיב הנכבד המסייע רבות להצלחת ולהפצת דבר ה' זו הלכה

**הרה"ח ר' אברהם הערש זילבער הי"ו**

לרגל השמחה במעונו באירוסי נכדתו הבכורה **הכלה החשובה** תחי' בת בנו מוה"ר **שלמה משה** הי"ו
עב"ג החתן המהולל והמצויין כמר **יוסף אלימלך פישער** ני"ו למז"ט בשעטומ"צ
ולז"נ אביו החשוב הרה"ח ר' **אשר אנשיל ברוך** ב"ר **מאיר יהודה** ז"ל
זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו לראות דורות ישרים ומבורכים מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא, ויזכה להמשיך בפעולותיו המבורכות להגדיל תורה ולהאדירה מתוך הרחבת הדעת, ויזכה לקבלת התורה עם כל ההשפעות טובות

# הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (נח)

### שאלות לגבי לימוד התורה

### פארבארגן געלט בתנאי צו מאכן א תורה-שיעור

**שאלה: איך בין דער ממונה אין אונזער בית המדרש צו העלפן צושטעלן חברותות פאר'ן עולם. צווישן די וואס דאווענען דארט איז דא איינער, וואס יעדעס מאל וואס איך קום אים פרעגן צי ער וויל האבן א חברותא, דרייט ער זיך ארויס און טענה'ט צו מיר אז הלוואי זאל איך זארגן פאר זיין גשמיות אזויפיל ווי איך זארג פאר זיין לערנען.**

**די וואך איז דער איד צוגעקומען צו מיר און געפרעגט צי איך ווייס אפשר פון איינעם וואס קען אים פארבארגן א סכום פון צוואנציג טויזנט דאלער אויף א צייט פון א זעקס חדשים.**

**איך בין גרייט אים צו געבן די הלוואה פון מיין אייגן געלט, אבער איך וויל אים זאגן אז איך פארבארג אים דאס געלט - און זאל ער זען אז איך זארג אים צו העלפן אויך בגשמיות - נאר איך מאך מיט אים א תנאי, אז פון היינט און זאל ער זיך מאכן שטרענגע שיעורים אין תורה. צי איז דא א חשש פון ריבית וויבאלד איך פארלאנג פון אים עפעס מער ווי אפצאלן דעם חוב?**

תשובה: אויב ער האט נישט קיין געהעריגן שיעור אין תורה, קען מען אים דאס זאגן און עס איז נישטא דערין קיין איסור ריבית, וויבאלד ער האט סיי-ווי א חיוב קובע צו זיין עתים לתורה, און דערפאר הייסט עס נישט ווי ער טוט אים צוריק א ספעציעלע טובה.

אזוי אויך איינער וואס דאוונט נישט געהעריג בציבור, אדער קומט אן שפעט צום דאווענען, קען מען אים פארבארגן געלט און זאגן, "איך בארג דיר דאס געלט, אבער איך בעט דיר אז מהיום והלאה זאלסטו קומען אין צייט צום דאווענען און דאווענען געהעריג מיט מנין", און עס איז נישטא דערביי קיין איסור ריבית, וויבאלד ער איז ממילא מחוייב אזוי צו טון.[1]

### געבן א הלוואה פאר'ן זון בתנאי צו מאכן בחינות

**שאלה: מיין זון גרייט זיך יעצט צו אינוועסטירן אין א ביזנעס, און איך וויל אים העלפן און פארבארגן גאר א גרויסן סכום געלט. איך האב געטראכט אויסצוניצן די געלעגנהייט און פארלאנגען פון אים אז ער זאל מאכן בחינות אויף זיינע לימודים. כאטש איך וואלט אים סיי-ווי געהאלפן**

⮜

## דער תנאי פון ערבות ביי מתן תורה

ווען אידן האבן געווארט ביים בארג סיני מקבל צו זיין די תורה און משה רבינו האט זיי איבערגעזאגט די ווערטער פון אויבערשטן, האבן זיי געענטפערט "כל אשר דבר ה' נעשה". זאגט דער מדרש, אז אידן האבן דעמאלט מקבל געווען עול מלכות שמים, און אויך האבן זיי דעמאלט גענומען אויף זיך ערבות, ד.ה. צו זארגן איינער אויפ'ן אנדערן מקיים זיין די מצוות פון השי"ת. דערפאר שטייט א לשון "נעשה", **מיר** וועלן טון, ווייל זיי האבן גענומען אויף זיך צו זארגן אויף יעדן איינעם מקבל צו זיין די תורה און איר מקיים זיין.

דער מהר"ל ערקלערט דעם ענין פון חיוב ערבות, אז אלע אידן זענען ממש ווי איין גוף, און אזוי ווי א מענטש וואס האט א וואונד אין איינעם פון זיינע איברים פילט ער דאס אין גאנצן קערפער, אזוי אויך ווען איין איד פירט זיך ח"ו נישט ווי עס דארף צו זיין, דארף יעדער איינער דאס שפירן, וויבאלד אידן זענען איין פאלק און ווי איין קערפער.

אזוי אויך שטייט אין ספר "מחזה אברהם", אז משה רבינו האט זיך אויסגענומען מיט אידן בשעת מתן תורה אז יעדער זאל העלפן איינער דעם אנדערן צו זיין באהאפטן אין תורה ומצוות. דאס זאגט דער פסוק "אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן". משה רבינו האט געגעבן פאר כלל ישראל די תורה מיט א תנאי, אז "איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק", מען זאל זיך ארויסהעלפן איינער דעם אנדערן, פונקט ווי עס איז געווען אין עבר הירדן, ווען משה האט געגעבן פאר די בני גד ובני ראובן זייער נחלה מיט א תנאי, אז זיי וועלן העלפן אויך די איבעריגע שבטים איינעמען ארץ ישראל און באקומען דארט זייער חלק.

ווען מען רעדט פון משפיע זיין אויף א צווייטן, קען איינער אמאל טראכטן אז דאס איז א זאך וואס איז געזאגט געווארן נאר פאר צדיקים און משפיעים, ווי רבנים און ראשי ישיבות. דער אמת איז, אז העלפן א איד גיין אין ריכטיגן וועג איז אן אויפגאבע וואס שייך פאר יעדן איינעם. **עס איז א חלק פון "ואהבת לרעך כמוך"**. פונקט ווי מען פארשטייט אז ווען א חבר געפינט זיך אין

אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור

מדור זה נתנדב

לזכר נשמת הרבני הנעלה שייף עייל ושייף
נפיק ולא מחזיק טיבותא לנפשיה
הרב החסיד ר' טובי' ארי'
ב"ר חיים צבי ז"ל צימענד
יארצייט ביום ה' סיון

ולע"נ אביו הרה"ח ר' חיים צבי ב"ר יחיאל
ע"ה, ואמו מרת חי' בת ר' שלמה ע"ה,
ובניהם: רבקה חנה, יעקב יצחק, משה
נעקד"ה ו' סיון א' דשבועות תש"ד - ה' ינקום דמם

הונצחו ע"י בני משפחתם

**מיט'ן געלט, וויל איך אים צושטופן דערמיט צו התמדה אין לערנען. מעג מען דאס טון, אדער עס איז א שאלה פון ריבית?**

**תשובה:** עס איז אסור אזוי צו טון, ווייל מאכן די בחינות איז א זאך ער וואס איז נישט מחוייב צו טון, וויבאלד עס קומט אויס אז ער צאלט צוריק עפעס מער ווי דאס געלט וואס ער בארגט און דאס הייסט ריבית, וואס איז אסור אפילו ביי א טאטן מיט זיין קינד.[2]

## אינזין האבן צוליב'ן בארגן געלט

**שאלה:** איך האב ב"ה די זכי' צו זיצן און לערנען און איך גרייט זיך יעצט צו קויפן א הויז. א איד, א בעל-הבית וואס איז מחשיב תורה, האט זיך אנגעטראגן מיר צו העלפן מיט א הלוואה פון הונדערט טויזנט דאלער. איך פיל א גרויס הכרת הטוב פאר אים, און זייט דעמאלט פאר איך הייב אן דעם טאג, זאג איך ארויס מיט'ן מויל אז דאס זאל זיין פאר'ן זכות פון יענעמ'ס הצלחה. צי איז דא דערין א שאלה פון ריבית?

**תשובה:** מען טאר זיך נישט אויסנעמען בשעת'ן פארבארגן דאס געלט אז מען וועט אינזין צו האבן אז די תורה וואס מען לערנט זאל זיין פאר יענעמ'ס זכות, אבער מען מעג אים פאקטיש אינזין האבן, און אדרבה, עס איז אן ענין פון הכרת הטוב. מען זאל אבער נישט גיין אים זאגן, "זאלסט וויסן, איך האב דיר אינזין יעדן טאג", אויסער אויב מען איז זייער נאענט מיט אים און מען טוט עס זיכער נישט צוליב דעם, נאר מען וואלט אים סיי-ווי אינזין געהאט און אים געזאגט אז מען האט אים אינזין.[3]

## מ'געדענקט נישט צו מ'האט געזאגט ברכות התורה

**שאלה:** איינער וואס געדענקט נישט צי ער האט געזאגט "ברכות התורה", וואס זאל ער טון?

**תשובה:** אויב קען ער יוצא זיין פון א צווייטן, זאל ער אזוי טון. אויב נישט, זאל ער אינזין האבן ביי "אהבת עולם" אז עס זאל זיין אנשטאט ברכות התורה, און באלד נאכ'ן דאווענען זאל ער עפעס לערנען, אזוי ווי נאך ברכת התורה וואס מען זאגט די פסוקים "יברכך וגו'", און "אלו דברים" אָן קיין הפסק אינצווישן (אבער בדיעבד אויב מען האט נישט געלערנט באלד נאכ'ן דאווענען האט מען יוצא געווען).

א גשמיות'דיגער נויט דארף מען אים העלפן, איז אוודאי דאס זעלבע אין רוחניות'דיגן זין, אז מען דארף טון אלע באמיאונגען צו ראטעווען די נשמה פון אן אנדערן איד. און ווען איינער טוט דאס ריכטיגע השתדלות מקרב צו זיין אידן בדרכי נועם צו תורה און עבודת ה', **העלפט מען אים פון הימל און מען גיט אים דעם כוח משפיע צו זיין**, אז זיינע רייד זאלן האבן די ריכטיגע פעולה און זיין נכנסים אל הלב.

("נתיבות קודש" - שיחות והדרכות
מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א)

## איך מאך א סיום אויף עטליכע מסכתות אין אייער זכות...

פאלגנד איז א מעשה, ווי א איד איז נתקרב געווארן צו תורה בזכות פון א פאר ווארעמע, אויפריכטיגע ווערטער פון הארצן. די מעשה האב איך געהערט פון הרב יוסף העיבער שליט"א, און איך גיב עס דא איבער כלשונו:

"געווען איז עס אסאך יארן צוריק, ווען מען האט מיר ערגעץ געפונען האלטן א דרשה. איך בין אנגעקומען אביסל שפעט און שנעל פארקירט די קאר אויף א פלאץ וואס כ'האב געטראפן אין איילעניש. די דרשה איז ב"ה געווען מיט הצלחה, און שפעטער ווען איך בין ארויסגעקומען און צוריקגעגאנגען צו מיין קאר, האט מיר אפגעווארט דארט א בחור מיט זייער א מגושמ'דיגן אויסזען, וואס איך האב באלד דערקענט אז ער ווייסט נישט קיין סאך פון אידישקייט צו זאגן. ער האט אויסגעזען זייער אין כעס און האט אנגעהויבן שרייען אויף מיר מיט יאמערליכע כוחות, אז איך האב פארקירט זייער נאענט צו אים און ער האט נישט געקענט געהעריג ארויספארן, און אין רעזולטאט דערפון איז זיין קאר צעקראצט געווארן.

ער האט מיר געוויזן דעם קראץ אויף זיין קאר, וואס איז ווייט נישט געווען עפעס אויף וואס זיך אזוי אויפצורעגן, אבער ער האט זיך נישט געקענט בארואיגן. "דו ווייסט וואס דו האסט מיר געטון!?" האט ער געשריגן אויף מיר. "ווייסט וואס די קאר איז ביי מיר?! **די קאר איז מיין לעבן. עס איז ווי דו וואלטסט מיך אליין צע'מזיק'ט!**"

איך האב אים געלאזט אויסרעדן און זיך אביסל באהערשן, און דאן האב איך אים געזאגט אין א רואיגן טאן, אז ער דארף זיך גארנישט זארגן, ווייל דעם שאדן וואס איך האב אים געמאכט וועל איך אים באצאלן, און דאס לעבן וועט אים גוט זיין.

זעענדיג אז איך שלאג זיך נישט מיט אים און כ'פארשטיי זיין ווייטאג, האט ער זיך אביסל בארואיגט. מיר זענען געגאנגען אינאיינעם צו א בעל-מלאכה, וואס האט געגעבן א פרייז פון א

כינת צדקת צדיקי הדורות
כ"ק מרן בעל מנחת יצחק זצוק"ל גאב"ד ירושלים
לקראת יו"ד י"א סיון
...וחובה קדושה על כל אחד ואחד להיות מסייע ומשתף ולתרום כפי יכולתו, ובפרט לעת שמחה במשפחה כגון נשואין וכו' וכל להכניס בביתו קופה של צדקה זו...
יצחק יעקב ווייס - רב ואב"ד פעיה"ק
עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת על קבר רבי מאיר בעל הנס
עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
צדקת רבי מאיר בעל הנס
כולל חבת ירושלים

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת הרבני הנעלה

**ר' נתן ארי' ב"ר יאיר ע"ה אדלער**

יארצייט ביום י"ז תשרי

**וזוג' החשובה מרת חי' דבורה לאה**

**בת ר' משה נפתלי ע"ה**

יארצייט ביום כ"ז אייר

**יהא זכרם ברוך**

הונצחו ע"י בנם ידידנו הנדיב הנכבד

**מוה"ר יעקב יוסף אדלער הי"ו**

[אויך איז א גלייכע זאך (כאטש נישט קיין חיוב) אין אזא פאל אין א יום קריאה, אויב ס'איז מעגליך, אז מ'זאל זיך קויפן אן עלי' און זאגן "אשר בחר בנו" ביים עולה זיין.]

**שאלה: וואס איז אויב מען וויל לערנען פאר'ן דאוונען?**

**תשובה:** מען זאל זאגן די ברכה "אשר בחר בנו", ווייל לויט רוב פוסקים איז די ברכה מן התורה, און ביי א ספק ברכה מן התורה דארף מען איבערזאגן.

### לערנען און דאווענען קעגן א שתי-וערב

**שאלה: עס מאכט זיך ווען מען פארט אין א טאקסי, אדער מען זיצט אין ווארט-צימער ביים דאקטער א.ד.ג., אז עס דרייען זיך דארט גוים מיט א צלם אויף'ן האלדז, אדער עס הענגט א צלם אויף דער וואנט, אד"ג. צי מעג מען דארט לערנען, זאגן קרבנות, אא"וו?**

**תשובה:** מען זאל נישט לערנען און דאווענען קעגנאיבער א צלם, נאר מען זאל פרובירן זיך ווענקדרייען אדער האלטן דעם ספר אין דער הייך פאר די אויגן.[4]

## שאלות לגבי מלאכות אין שבת ויו"ט

### עפענען די טיר פון א דיש-וואשער

**שאלה: אויב עס שטערט אז עס איז אנגעזאמלט נישט-ריינע געשיר - אין שבת אדער יו"ט - צי מעג מען עפענען די טיר פונעם דיש-וואשער און עס דארט אריינלייגן?**

**תשובה:** לויט ווי מיר האבן געהערט פון מומחים, ארבעטן רוב דיש-וואשערס מיט א "סענסער" (וואס גיט ארויס סיגנאלן אז די טיר איז אפן אדער פארמאכט און די מאשין זאל זיך אנצינדן/אויסלעשן א.א.וו.), דערפאר זאל מען עס נישט עפענען שבת און יום טוב.

מען קען אבער אריינלייגן דערין פאר שבת אדער יום טוב עפעס וואס זאל האלטן די טיר אביסל אפן, צ.ב.ש. א הענגער א.ד.ג., אז די טיר זאל נישט אינגאנצן פארמאכט ווערן, און אזוי קען מען עס עפענען און פארמאכן שבת און יום טוב.

דורך א גוי מעג מען עס יא עפענען און פארמאכן געהעריג, און מען קען אויך בעטן דעם גוי אינמיטן שבת אדער יום טוב אז ער זאל עפענען אביסל די טיר פונעם דיש-וואשער און אריינלייגן עפעס דארט, אז מען זאל עס קענען אליין עפענען און פארמאכן.

עס דארף באמערקט ווערן, אז אנצינדן דעם דיש-וואשער טאר מען נישט אפילו דורך א גוי.

### א קאמפאני וואס קומט פאררעכטן אינמיטן יום טוב

**שאלה: איינער וואס האט באשטעלט א קאמפאני צו קומען פאררעכטן א וואש-מאשין, עיר-קאנדישאן, א.ד.ג., און זיי זענען אנגעקומען יום טוב, צי מעג מען זיי**

פאר הונדערט דאלער פאר'ן פאררעכטן די קאר. איך האב עס אים באצאלט, און איך האב אים נאך איבערגעבעטן פאר'ן עגמת נפש אויך. איך האב גענומען ביי אים זיין טעלעפאן-נומער, און מיר האבן זיך געזעגנט.

איך מוז זיך מודה זיין, אז עס איז נישט געווען אזא גוט געפיל צו ווערן אזוי באוואשן פון איינעם מיט קולי-קולות אינמיטן גאס. איך האב אים אבער געשוינט און געלייגט מיינע געפילן אין א זייט, טראכטנדיג אז עס איז נעבעך א רחמנות, ווי א מענטש קען זיך אזוי פארלירן אויף אזא זאך. דעם אנדערן טאג, האב איך אים אנגערופן און זיך פארגעשטעלט פאר אים ווי דער וואס האט אים בטעות גורם געווען דעם שאדן, און איך האב געבעטן ערלויבעניש אים עפעס צו זאגן.

"איך פארשטיי," האב איך אים געזאגט, "אז איך האב דיר מצער געווען און געמאכט א שאדן, אבער אויף איין זאך וויל איך דיר פארהאלטן: די ווערטער וואס דו האסט מיר געזאגט אז די קאר איז 'דיין לעבן' - דאס זענען דאך שרעקליכע רייד! אוודאי קען די קאר ארויסהעלפן אנקומען וואו מען דארף, **אבער אז דאס זאל זיין דעם מענטש'נס לעבן? ווי קען איינער אזוינס זאגן?!** א איד'ס לעבן באשטייט פון דער תורה וואס ער לערנט און פון די מצוות און מעשים טובים וואס ער טוט - דאס איז זיין לעבן; זאגן אז די קאר איז דאס לעבן?!... עס איז דאך א רחמנות אויף אזא איינעם! איך מיין," האב איך אים געזאגט, "אז דו זאלסט אריינטראכטן אביסל דערין און אנהייבן אביסל לערנען און אנערקענען וואס עס איז דאס אמת'ע לעבן."

עס זענען זיך פארלאפן דריי יאר פון דעמאלט, און איך האב שוין לאנג געהאט פארגעסן פון דער מעשה. איין טאג רופט מיר איינער אויף'ן טעלעפאן. "איך הייס..., און איך וויל דיר מודיע זיין אז איך גרייט זיך צו מאכן יעצט א סיום אויף א גאנצן סדר אין ש"ס, און איך וויל דיר לאדענען צום סיום."

"מיר קענען זיך?" פרעג איך דעם איד. "איך געדענק עפעס נישט דעם נאמען."

"איך קען דיך," ענטפערט ער מיר, "אבער איך רוף דיר נישט צום סיום אלס 'באקאנטער', נאר אלס דער וועמענ'ס זכות איך מאך דעם סיום. געדענקסטו דעם אינצידענט מיט דער קאר וואס איז צעקראצט געווארן א פאר יאר צוריק?... איך האב גערעדט צו דיר נישט מיט גרויס רעספעקט, אבער דו האסט רעאגירט מיט א רואיגקייט און זיך באצויגן צו מיר מיט אזויפיל מענטשליכקייט! דעם אנדערן טאג האסטו מיר אנגערופן און געזאגט אז עס איז א רחמנות אז די קאר זאל זיין ביי מיר ממש דאס לעבן. האסט מיר געראטן אז איך זאל אריינטראכטן אין די

1. כמבואר בריטב"א ב"מ שמותר להמלוה להתנות עם הלוה שיעשה דבר שמחוייב לעשות, עי' בר"י די"א ס"ח, ושו"ת תוה"נ ח"ב סי' תטז. 2. ויש לעיין אם האב מכוון לטובת הבן שאם יעשה הבחינות יהא להבן אח"כ הנאה וסיפוק אף שאין לו עכשיו חשק לזה. 3. עי' שו"ת עמק התשובה ח"ו סי' שלה. 4. כמבואר באו"ח סי' צד ס"ט, ואם השתי וערב הוא לצד מזרח יש לו להתפלל לצד אחר. ופשוט דאופן שיושב בטאקסי אחורי הדרייווער ורואה רק הקייטל מלאחריו דאין שאלה בזה, ועי' שו"ת ברכות שמים או"ח סי' נב ובספרנו הפרשה בהלכה וארא. 5. דבית ישראל אסור אפילו נתפרסם בקבלנות גזירה שמא יאמר שצוהו לבוא לתקנו בשבת. 6. וכן שמעתי מהגה"צ ר' יוחנן וואזנער שליט"א ראב"ד סקווירא. 7. כמבואר ביה"ל סי' קכח בשם ספר חרדים, ועי' פס"ת שם אות ב שמביא המבי"ט דעניית אמן אחר ברכת כהנים הוא מה"ת. 8. כמבואר שו"ת תוה"נ ח"א וח"ג ועי' בשו"ת שה"ל ח"ו סי' יג דאם מתפלל יחד עם הש"ץ דאין לומר עמו ברכת כהנים. 9. כמבואר בסי' תפז דינים אלו, בין בתפילה ובין בקידוש, ועי' שועה"ר ס"ג ובביה"ל ד"ה מקדש השבת. 10. דעיקר שהחיינו הוא בקידוש על הכוס, ובהדלקת הנרות הוא רק מנהג. 11. וכבר כתבנו באחד שאין לו הורים וחבירו יש לו הורים בעיר אחרת ונותן לו מעות שיוכל לנסוע לבקרם ע"מ שיהא לו חלק בהמצוה. 12. עי' שו"ת מנח"י ח"ו סי' ק ואג"מ ח"ד סי' לז, ובספרנו הפרשה בהלכה וזאת הברכה פרטים הרבה בשותפות יששכר זבולן. 13. ראה ביסוד ושורש העבודה שם בא"ד: וכשיגיע לאותם מצות הנוהגין בזמן הזה, יקבל על עצמו במחשבתו בשמחה עצומה בקבלה אמתית לקיימם, כי זה עיקר ושורש הלמוד. 14. כמבואר באו"ח סי' נח סעיף ג' לענין אנוס, ובמג"א שם דה"ה כשהשעה דחוקה לו כגון ביום שהתפלה ארוכה מאד וצריך להקדים את עצמו וכדו', יעו"ש. ובערוה"ש סעיף ט', 'וכן המתפללים באור בוקר ביום א' דשבועות', וה"ה לענייננו דחד טעמא הוא, ובפרט כשיכול להירדם בשינה עד שיעבור סוף זמן קריא"ש. 15. עי' שו"ת באר משה ח"ח סי' ל"ט. ויש שהקילו בכל אופן, החת"ס (שו"ת שיח יצחק ווייס חאו"ח סי' ב'), הדב"ח (באר משה שם), וראה מנהג ישראל תורה סי' ד. 16. כמבואר בסי' ע ובמ"ב ח בשם הב"ח, ועי' ספר חינוך ישראל. 17. כמבואר

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הרבני הנדיב הנכבד
מוה"ר **יואל עפשטיין** הי"ו
**לכבוד זמן מתן תורתנו**
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדו לזכות לברכות התורה
אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד

**לאזן ארבעטן וויבאלד מען האט זיי נישט געהייסן קומען דעם טאג?**

**תשובה:** מען טאר זיי נישט לאזן ארבעטן, צוליב "מראית עין", ווייל עס זעט אויס ווי מען האט זיי געהייסן קומען יום טוב, אפילו אויב די מאשין האט א גאראנטיע און די קאמפאני קומט עס פאררעכטן צוליב זייער התחייבות.[5]

## שאלות ביי תפילות וקידוש אין יו"ט

### א בעל-תפילה וואס שמועסט ביים דאווענען

**שאלה:** **אין דער לעצטערער תקופה האט מען ביי אונז אין בית המדרש שטארק געטון אינעם ענין פון נישט רעדן בשעת'ן דאווענען, און מען קען זאגן אז מען האט ב"ה שטארק מצליח געווען. לעצטנס זענען אנגעקומען עטליכע נייע מתפללים, וואס זענען ליידער נישט אזוי געווארנט דערין. איינער פון זיי איז א גוטער און געשמאקער בעל-תפילה, און פארגאנגענעם יום טוב האב איך אים געוואלט צושיקן צו דאווענען פאר'ן עמוד, אבער אסאך פון די מתפללים האבן גע'טענה'ט, "אים, וואס ער שמועסט, שיקט מען צו? עס זענען דאך דא הלכות, אז א בעל-תפילה מוז זיך פירן ערליך, און שמועסן ביים דאווענען איז א הארבער איסור, נאך דערצו שמועסן הויך און ברבים, וואך-איין, וואך-אויס."**

**איך בין געווען אין א שטיקל פארלעגנהייט: פון איין זייט, האבן זיי געהאט א גערעכטע טענה, אבער פון דער צווייטער זייט, איז דאך אן עונג יום טוב צו האבן א געשמאקע בעל-תפילה, און ווער ווייסט - אפשר אז מען וועט אים מכבד זיין, וועט עס האבן אויף אים א השפעה לטובה. איז די שאלה, וואס טוט מען אין אזא פאל?**

**תשובה:** עס איז באוואוסט די מעשה, אז דער "חפץ חיים" זי"ע האט אמאל געהאלטן א דרשה וועגן שמירת הלשון, און נאך דער דרשה האט איינער גע'טענה'ט צו אים אז עס איז א שאד די רייד, ווייל עס וועט ווייניג אויפטון. דער חפץ חיים האט אים געענטפערט, אז עס האט שוין אויפגעטון, ווייל כאטש האט מען נישט גערעדט קיין לשון הרע אין דער צייט וואס מען איז געזעסן ביי דער דרשה.

דאס זעלבע קען זיין א סברא לעניננו, אז בשעת'ן דאווענען פאר'ן עמוד וועט ער כאטש נישט רעדן ביים דאווענען... און נאכמער, אז מען וועט אים מקרב זיין וועט עס טאקע אויך האבן אויף אים א השפעה. דערפאר איז כדאי אים צו זאגן אז מען שיקט אים צו צום עמוד ווייל ער דאווענט געשמאק אבער ער זאל וויסן אז עס איז דא התנגדות דערצו צוליב זיין שמועסן ביים דאווענען און דערפאר זאל ער אכטונג געבן מהיום והלאה צו זיין געווארנט אין קדושת בית המדרש.[6]

### אויסהערן דאס דוכנ'ען אינמיטן שמונה עשרה

**שאלה:** **אויב איינער האלט אינמיטן שמונה עשרה בשעת מען דוכנ'ט, זאל ער זיך אפשטעלן און אויסהערן דאס דוכנ'ען, אדער ווייטער דאווענען?**

**תשובה:** די פוסקים נעמען אן, אז די מצוה פון דוכנ'ען איז נישט נאר אויף די כהנים, נאר אויך וועלן מען הערט די ברכה פון די כהנים איז מען מקיים די מצוה פון "כה תברכו".[7]

דערפאר, זאל מען זיך אפשטעלן און אויסהערן דאס דוכנ'ען, אבער מען זאל נישט מיטזאגן, און אזוי אויך זאל מען נישט ענטפערן אמן נאך דער ברכה און נאך "יברכך", און ווען מען ענדיגט דוכנ'ען זאל מען ווייטער דאווענען שמונה עשרה. (אזוי אויך בשעת דער ציבור זאגט דעם רבוש"ע אינמיטן דוכנ'ען, קען מען ווייטער זאגן שמונה עשרה.)[8]

### אויב מ'האט נישט דערמאנט שבת אין קידוש

**שאלה:** **ווען יום טוב פאלט אויס אום שבת, אזוי ווי דעם יאר דער צווייטער טאג**

◄

ווערטער און אנהייבן לערנען און פארשטיין וואס עס איז אן אמת'ע לעבן.

"די ווערטער האבן געלאזט אויף מיר אן איינדרוק און איך האב באלד באשלאסן אז איך וועל פארן לערנען אין א ישיבה פאר בעלי-תשובה. איך האב אזוי געטון, און אין די עטליכע יאר פון דעמאלט בין איך ב"ה פיל געשטיגן אין לערנען, **ביז צום היינטיגן טאג, ווען איך בין ב"ה זוכה צו מאכן א סיום אויף א גאנצן סדר אין ש"ס!"**

די מעשה איז א מוסר השכל פאר אונז. דער רבוש"ע האט אונז געגעבן א כוח הדיבור און מיר קענען דערמיט קערן וועלטן. אז מיר ניצן דאס אויס צום גוטן, קען מען מיט געציילטע ווערטער בויען עולמות פון תורה און תפילה און זיך קונה זיין אייביגע זכותים.

### הרה"ק ר' ר' זושא:
### איר זאלט ווייטער לערנען און איך וועל דאווענען

לכבוד מכון הליכות החיים,

מען האט שוין אסאך געשריבן איבער דעם, אז יעדער איד האט זיך זיין אויפגאבע אויף דער וועלט, און דער רבוש"ע וויל אז יעדער איינער זאל זיך האלטן צו זיין שליחות און נישט זוכן צו טון וואס עס איז באשטימט פאר אנדערע. די ספרים הקדושים לערנען אונז, אז אויך ווען עס קומט צו רוחניות'דיגע ענינים גייט אן דער יסוד אז דער מענטש דארף זיין א "שמח בחלקו", צופרידן מיט'ן חלק וואס דער אויבערשטער האט אים צוגעטיילט, וואס ביי איינעם איז דער ציל מער אין תורה, און ביי א צווייטן צו טון פאר אנדערע אידן; יעדער האט זיין טייל צו וועלכן ער דארף זיך האלטן מיט צופרידנהייט.

א שיינער געדאנק אויף דעם ענין ווערט געברענגט אין ספר הנפלא "משנת נבונים" אויף פרקי אבות (להגה"צ רבי יחיאל מיכל שטיינמעץ שליט"א), ווי פאלגנד: אין ספר "נפלאות הסבא קדישא" ווערט דערציילט, אז דער סבא קדישא פון ראדאשיץ זצ"ל האט אמאל געבעטן פונעם הייליגן לובלינער זצ"ל, ער זאל אים אנווייזן א כלליות'דיגע וועג אין עבודת ה'. האט דער לובלינער געענטפערט: "עס איז נישט שייך צו זאגן דעם קיין כלליות'דיגן דרך, ווייל עס איז דא א דרך צו דינען השי"ת מיט תורה, מיט תהילים, מיט אכילה, מיט תענית, מיט גמילות חסדים... אלע וועגן אין עבודת ה' זענען ריכטיגע, נאר יעדער איינער דארף זען וואו עס ציט אים דאס הארץ, און דאס זאל ער טון מיט'ן גאנצן כוח."

עס ווערט דערציילט אויף הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל, אז ער איז אמאל אויף א שבת

**מדור זה נתנדב**

לכבודו של האברך החשוב יושב באהלה של תורה
הרב **מרדכי וואלטער** הי"ו
לרגל סיום שו"ע הלכות שבת מרישא ועד גמירא, והבחנו אצל גדולי הדור אשר הפליאו את ידיעתו הברורה
יה"ר שיזכה לסיים עוד מקצועות אחרים בתורה ויזכה לברכות התורה אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד
המברכים בכל לב:
**בני משפחתו**

**שבועות - אויב מען האט נישט דערמאנט שבת אינמיטן קידוש ("שבתות למנוחה", "את יום השבת") אדער ביים סוף ("מקדש השבת וישראל והזמנים"), האט מען יוצא געווען?**

**תשובה:** אויב מען האט בכלל נישט דערמאנט דעם שבת, האט מען נישט יוצא געווען קידוש.

אויב מען האט דערמאנט דעם שבת איין מאל, אינמיטן קידוש אדער ביים סוף, האט מען יוצא געווען, אבער אויב נאך איינער מאכט יעצט קידוש זאל מען לכתחילה הערן נאכאמאל פון אים.

אויב מען דערמאנט זיך באלד "תוך כדי דיבור" (ווילאנג עס נעמט צו זאגן פיר ווערטער) נאך קידוש אז מען האט נישט דערמאנט דעם שבת, זאל מען תיכף זאגן "מקדש השבת ישראל והזמנים".

אויב עס איז שוין נאך דעם שיעור, זאל מען איבערזאגן די ברכה פון קידוש "אשר בחר בנו", אבער "הגפן" און "שהחיינו" דארף מען נישט איבערזאגן.

אויב מען דערמאנט זיך נאכדעם וואס מען האט זיך געוואשן, פאר'ן מאכן "המוציא", זאל מען גלייך זאגן קידוש אויף א כוס, טרינקען דעם כוס און דערנאך מאכן "המוציא".

אויב מען האט שוין געמאכט "המוציא", זאל מען נישט עסן, נאר גלייך זאגן די ברכה פון קידוש אויף דער חלה און דערנאך עסן, און מען זאל נישט מאכן נאכאמאל "המוציא".

אויב מען דערמאנט זיך ערשט אינמיטן דער סעודה, זאל מען נעמען א כוס וויין און זאגן די ברכה "אשר בחר".[9]

## "שהחיינו" ווען דער מאן איז נישט אינדערהיים

**שאלה: אויב מען איז וועקגעפארן אויף יום טוב צום רבי'ן א.ד.ג., און די פרוי איז געבליבן אינדערהיים, זאל זי מאכן "שהחיינו" יום טוב ביינאכט בשעת'ן צינדן ליכט, אדער ביי קידוש?**

**תשובה:** כאטש געווענליך מאכט די פרוי "שהחיינו" בשעת'ן ליכט-צינדן, אבער ווען דער מאן איז נישט אינדערהיים און זי מאכט אליין קידוש, זאל זי מאכן שהחיינו ביי קידוש. (אויב זי האט געמאכט ביים ליכט-צינדן, זאל זי נישט מאכן נאכאמאל ביי קידוש.)[10]

מברכים געווען ביי זיין רבי'ן, הרה"ק רבי ישראל מטשארטקאוו זי"ע. דער טשארטקאווער האט זיך געפירט צו דאוונען אין זיין חדר מיוחד, אבער יענעם שבת ווען עס איז געקומען צום ראש-חודש בענטשן, איז ער ארויסגעקומען פון צימער און האט מכבד געווען רבי מאיר שפירא צוצוגיין אלס שליח ציבור. רבי מאיר איז געווען גאר א באגאבטער בעל-תפילה, און די מתפללים האבן הנאה געהאט פונעם דאוונען. נאכ'ן דאוונען, האט דער טשארטקאווער רבי אים געזאגט מיט צופרידנהייט, "איך האב קיינמאל נישט געוואוסט ווי ווייט עס איז אייער כוח אין דאוונען."

הערנדיג די ווערטער, האט רבי מאיר שפירא געפרעגט, "אויב אזוי, אז דער רבי האט אזוי שטארק הנאה געהאט פון מיין דאוונען, איז אפשר זאל איך בלייבן דא אלס קביעות'דיגער שליח ציבור?" האט דער טשארטקאווער אים געענטפערט, "לאמיר אייך דערציילן א מעשה, וואס האט פאסירט ביים הייליגן רבי'ן ר' זושא פון אניפאלי זי"ע.

"עס איז באוואוסט," האט דער רבי אנגעהויבן דערציילן, "אז דער רבי ר' זושא האט געפראוועט גלות אסאך יארן, און דורכאויס דער צייט איז ער ארומגעפארן צווישן שטעט און דערפער און האט דארט אויף די וועגן מתקן געווען אידן, צווישן זיי פיל פארבלאנדזשעטע נשמות.

"איינמאל איז דער רבי ר' זושא אנגעקומען אין א שטאט, און פונקט איז געווען דארט א חשוב'ער רב, א גרויסער תלמיד חכם. ווען דער רבי ר' זושא איז אריינגעקומען אין שטאטישן בית המדרש, האט דער רב געהאלטן אינמיטן זאגן א דרשה, געפלאכטן מיט טיפזיניגע פלפולים, און דער רבי ר' זושא האט זיך געשטעלט אין א זייט אויסהערן די דרשה.

"נאכ'ן פארענדיגן די דרשה, האט דער רב באמערקט דארט שטיין דעם רבי'ן ר' זושא'ן, וועלכער איז געווען אנגעטון קרוע-בלוע, ווי אן ארחי-פרחי'ניק. האט ער זיך געוואנדן צום רבי'ן ר' זושא'ן און אים געפרעגט וואס עס איז זיין באשעפטיגונג און וואס ער ווייסט אין לערנען. האט דער רבי ר' זושא געענטפערט אז אין לערנען ווייסט ער נישט, נאר אביסל ווייסט ער ווי אזוי צו דאוונען, און דערביי האט ער אנטפלעקט פאר'ן רב אין קורצע ווערטער טיפע סודות און ענינים אין דאוונען.

"ווען דער רב האט דאס געהערט, איז ער גאר שטארק נתפעל געווארן און האט זיך אנגערופן, 'אויב זענען דא אזויפיל טיפע כוונות און פארבארגענע סודות אין תפילה, איז אפשר זאל איך אויפהערן זאגן שיעורים א גאנצן טאג און אנשטאט דעם לערנען די סודות פון דאוונען, און



**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **שמעון אונגאר** הי"ו
לכבוד זמן מתן תורתנו

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדו שיזכה לקבל התורה הקדושה
עם כל ההשפעות טובות ברוחניות ובגשמיות

## שאלות לגבי מאכן א "יששכר זבולון"

### "יששכר זבולון" געשעפט אויף מצוות

**שאלה: איך האב א נאענטן חבר, א צדיק פון א איד וואס איז טאג און נאכט עוסק אין העלפן מענטשן מיט מסירת נפש, אבער אין פרנסה איז אים שווער, צוליב דעם וואס ער איז באשעפטיגט מיט די מצוות רוב שעה'ן פון טאג און ער קומט פשוט נישט אן צו טון פאר זיך אויך.**

**ביי מיר איז פארקערט – פרנסה האב איך ב"ה בריווח, אבער איך קום וויניג אן צו טון פאר אנדערע. האב איך געטראכט ביי מיר אז איך וויל מאכן מיט אים א "יששכר זבולון" געשעפט אים צו שטיצן חודש'ליך כדי ער זאל קענען ממשיך זיין, און איך זאל האבן א חלק אין זיינע מצוות. איך וויל נאר וויסן צי א יששכר-זבולון געשעפט איז שייך אויך אויף מצוות, אדער נאר אויף לימוד התורה.**

**תשובה:** מען קען מאכן א יששכר-זבולון געשעפט אויך אויף מצוות אין א פאל וואס יענער קען טאקע נישט אנגיין אזוי, און מען העלפט אים דערמיט צו קענען ממשיך זיין מיט זיין חסד און מצוות.[11]

### "יששכר זבולון" געשעפט מיט א נישט-ערליכן איד

**שאלה: איך האב ב"ה די זכי' שוין אסאך יארן צו זיצן און לערנען באהלי תורה. לעצטנס האט איינער מיר פארגעשלאגן צו מאכן א "יששכר זבולון" געשעפט מיט זיינע א באקאנטן פונעם עולם המסחר. די פראבלעם איז, אז יענער איז ליידער נישט קיין שומר תורה ומצוות. צי קען מען מאכן א יששכר-זבולון געשעפט מיט אזא איינעם?**

**תשובה:** די פוסקים נעמען אן, אז מען זאל נישט מאכן קיין יששכר-זבולון געשעפט מיט איינעם וואס פירט זיך נישט ערליך, ווייל דער ענין דערפון איז אז דער "זבולון" האט אויך א שייכות מיט תורה, נאר ער האט נישט קיין צייט צו לערנען א גאנצן טאג וויבאלד ער איז פארנומען מיט מסחר, דערפאר שטיצט ער דעם "יששכר" אז ער זאל קענען לערנען אן דאגת פרנסה און עס ווערט אים גערעכנט ווי ער אליין זיצט און לערנט; אבער איינער וואס היט נישט קיין אידישקייט האט נישט קיין שייכות מיט דער תורה און עס איז נישט כדאי צו מאכן מיט אים אזא שותפות.[12]

## שאלות ביי דער מנהג פון אויפזיין שבועות ביינאכט

### צוענדיגן "תיקון" שבועות בייטאג

**שאלה: איינער וואס האט נישט געענדיגט זאגן "תיקון ליל שבועות" ביינאכט, צי איז נאך דא אן ענין עס צוצוענדיגן שבועות בייטאג?**

**תשובה:** עס איז דא אן ענין צוצוענדיגן בייטאג, אדער די צווייטע נאכט שבועות, ספעציעל די תרי"ג מצוות, וואס דער עיקר ענין דאס צו זאגן איז צוליב דעם וואס אידן האבן געזאגט "נעשה ונשמע" - מיר וועלן מקיים זיין די אלע מצוות עשה און זיך אפהיטן פון די אלע מצוות לא תעשה - אז מען זאל געדענקען די אלע מצוות זיי מקיים צו זיין למעשה.[13] דערפאר, אויב מען האט עס נישט געזאגט ביינאכט, זאל מען עס משלים זיין דורכ'ן יום טוב.

### לייענען קרי"ש ביים עלות השחר

**שאלה: איינער וואס גייט שלאפן באלד ביים עלות השחר, צי קען ער שוין דעמאלט לייענען קריאת שמע של שחרית?**

**תשובה:** לכתחלה ווארט מען אביסל, ביז'ן "זמן משיכיר", אבער בשעת הדחק, צ.ב.ש. שבועות אינדערפרי אויב מען וויל זיך לייגן שלאפן און עס איז שווער צו ווארטן, קען מען מקיל זיין צו לייענען קריאת שמע ביים עלות.[14]

דעם גרעסטן טייל פון טאג זאל איך עוסק זיין אין תפילה.'

**"'ניין,' האט דער רבי ר' זושא אים געענטפערט. 'עס איז נישט ריכטיג אזוי צו טון, ווייל יעדער מענטש האט זיך זיין אייגנארטיגע אויפגאבע,** וואס דאס צו ערפילן איז ער אראפגעשיקט געווארן אויף דער וועלט. מיין אויפגאבע איז די עבודה פון תפילה, אבער דיינס איז צו זיין א מרביץ תורה. יעדער איינער דארף זיך האלטן צו זיין שליחות און נישט פארמישן מיט א צווייטנ'ס.'

"דאס זעלבע," האט דער טשארטקאווער רבי אויסגעפירט צו רבי מאיר שפירא, "זאג איך אויך פאר אייך. איך וועל אנהאלטן די עבודת התפילה, אבער אייער אויפגאבע איז צו זיין א מרביץ תורה און פארשפרייטן תורה והוראה ביי אידן."

דאס קען אפשר זיין דער טייטש אין דער משנה (אבות ב, א): "איזוהי דרך ישרה שיבור לו האדם כל שהיא תפארת לעושיה", מען זאל אויסקלויבן א וועג וואס איז שיין פאר די וואס טוען עס, אבער "ותפארת לו מן האדם", עס דארף זיין שיין פאר'ן מענטש אליין אויך, צוגעפאסט לויט די אויפגאבעס וואס זענען גוט פאר אים.

"ותן חלקנו בתורתך". מיר בעטן ביים אויבערשטן, "גיב אונזער חלק אין דיין תורה". יעדער האט זיך זיין חלק אין תורה און עבודת ה', וואס אין דעם איז ער מצליח, און דערמיט דארף ער זיין צופרידן.

יענער באוויזט אריינצוכאפן מער בלעטער גמרא ווי דו, און דו קענסט נישט באוויזן צו לערנען מער? זעט אויס, אז דאס וויל מען פון הימל פון אים; פון דיר וויל מען, אז דו זאלסט זיך שטארקן אויף דיינע שוועריגקייטן און אנהאלטן דיין קביעות עתים לתורה.

יענער איז מצליח אין עסקנות, קערט וועלטן און פיגורירט אפט אין די נייעס? פון דיר וויל מען דאס נישט. דיין אויפגאבע איז מחי' צו זיין אנדערע אידן מיט דיין גוט ווארט און ברייטן שמייכל.

עס זענען דא אזעלכע וואס עס קומט זיי אן שווער צו לערנען אסאך גמרא, איז לערנען זיי משניות.

דער עיקר פון אלעם איז, אז מען זאל אויסניצן ריכטיג די צייט, יעדער מיט'ן לימוד וואס זיין הארץ באגערט, און נישט וועלן נאכמאכן אנדערע.

עס שטייט פון צדיקים: דער כוח פון תורה צו ראטעווען דעם מענטש פונעם יצר הרע איז נאר ווען מען לערנט דאס, וואס דאס הארץ גלוסט צו לערנען.

## מדור זה נתנדב

נתנדב ע"י ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **הערשל האפמאן** הי"ו

לזכר נשמת אחיו היקר באנשים הרבני הנעלה
הרה"ח ר' **משה שמעון** ע"ה בן יבלחט"ט
הרה"ח ר' **שרגא פייבל** הי"ו

יהא זכרו ברוך

### אויב מ'לייגט זיך ביים עלות פאר קרי"ש

אויב מען וויל זיך לייגן שלאפן באלד ביים עלות פאר'ן לייענען קריאת שמע, איז מען מחוייב צו שטעלן א שומר וואס זאל אויפוועקן פאר'ן סוף זמן קריאת שמע. א וועקער-זייגער הייסט אויך א שומר.

### לייענען קריאת שמע ווען ס'איז דא נעגל-וואסער

**שאלה: אויב מען שטייט אויף צו לייענען קריאת שמע און מען וויל זיך באלד צוריקלייגן, מעג מען לייענען קריאת שמע ווען דאס נעגל-וואסער ליגט דארט?**

תשובה: מען קען צודעקן די שיסל מיט'ן נעגל-וואסער מיט א האנטוך, אדער עס אונטערשטופן אונטער'ן בעט, אדער קען מען צוגיסן א רביעית וואסער אין שיסל (צ.ב.ש. עס איז געבליבן אביסל וואסער אין טעפל, אדער עס איז דא נאך א טעפל וואסער), און אזוי לייענען קריאת שמע.

אויב מען קען דאס נישט טון, קען מען זיך וועקדרייען מיט'ן פנים צו דער אנדערער זייט, און אזוי לייענען קריאת שמע.[15]

### אויפוועקן א קינד צום זמן קריאת שמע

**שאלה: עס מאכט זיך, בפרט יום טוב ווען מען גייט שלאפן שפעט, אז די קינדער שלאפן נאך טיף בשעת עס איז שוין נאענט צום סוף זמן קריאת שמע. צי איז דא א חיוב זיי אויפצוואווקן צו לייענען קריאת שמע בזמנה?**

תשובה: א קינד וואס איז שוין פארשטענדליך, וואס דאס איז געווענליך ביי **ניין יאר אלט**, דארף מען מחנך זיין און פארשטיין געבן דעם חיוב צו לייענען קריאת שמע בזמנה. מען דארף אים אבער נישט אויפוועקן צו קריאת שמע אויב ער שלאפט נאך.

א אינגל פון **צוועלף יאר אלט** דארף מען יא אויפוועקן אז ער זאל נישט פארפאסן זמן קריאת שמע.[16]

דאס זעלבע איז אויך לגבי תפילה בזמנה און די וואכנטעג.

### דער חיוב חינוך צו קריאת שמע פון א מאמע

**שאלה: צי האט די מאמע אויך א חיוב אויפצוואווקן דאס קינד צו קריאת שמע, אדער דער חיוב ליגט נאר אויפ'ן טאטן?**

תשובה: עס איז א מחלוקת הפוסקים אויב דער חיוב פון חינוך איז נאר אויפ'ן טאטן אדער אויך אויף דער מאמען (דאס איז אבער זיכער אז זי באקומט שכר אויפ'ן חינוך). דערפאר, אויב דאס קינד איז נאך אונטער בר מצוה, וואס דער חיוב איז נאר אלס חינוך, איז די מאמע לויט אסאך פוסקים נישט מחוייב אויפצוואווקן דאס קינד צו קריאת שמע.

אויב דער טאטע איז אבער נישט אינדערהיים, איז ריכטיג אז זי זאל אים אויפוועקן, וויבאלד אסאך פוסקים נעמען אן אז די מאמע איז מחוייב מיט'ן חינוך ווען דער טאטע קען אים נישט מחנך זיין.[17]

אויב דאס קינד איז שוין בר מצוה, ווען עס איז דא א חיוב אים אויפצוואווקן כדי ער זאל נישט עובר זיין אן איסור, דארף אויך די מאמע אים אויפוועקן.

◄

איך וועל ענדיגן מיט א ווארט וואס איך האב אמאל געהערט פון א חשוב'ן איד: "אשר עשה האלקים את האדם ישר" (קהלת ז, כט) - השי"ת מאכט "גלאט"; אלעס איז פיין און וואויל פאר'ן מענטש, און דאס לעבן קען אים זיין זיס. ווען הייבן זיך אן די פראבלעמען? "והמה בקשו חשבונות רבים", אז מען מאכט זיך חשבונות וועגן אנדערע - דאס צעמישט און צעטומלט דעם מענטש.

זאלן מיר זוכה זיין מקבל צו זיין די הייליגע תורה, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה.

ש. נ. נ.

## דער חזון איש: ווען ער שפירט א טעם אין לערנען, וועט ער נישט זוכן עפעס אנדערש

עס האט דערציילט הגאון ר' זלמן דרורי ז"ל:

ווען איך בין געווען אין דער פאניעוועזשער ישיבה, איז געקומען דארט לערנען הגאון רבי יחזקאל ברעטלער ז"ל, וועלכער איז פאר'יתומ'ט געווארן יונגערהייט פון זיין טאטן, און מען האט אים געשיקט לערנען קיין ארץ ישראל אין דער ישיבה.

רבי יחזקאל האט זיך שוין דעמאלט ארויסגעהויבן מיט זיין חריפות און בקיאות און האט נישט געוואוסט עפעס אנדערש אויסער לערנען. זייענדיג א חריף און עילוי, איז אים אנגעקומען שווער איינצוזיצן ביים שיעור אין דער ישיבה. אין געציילטע מינוטן האט ער אויפגעכאפט דעם גאנצן שיעור וואס דער מגיד שיעור האט נאר אנגעהויבן צו זאגן, און די איבעריגע צייט האט ער זיך געטראפן זיצן ליידיג. עס איז געקומען צו א שטאפל וואס ער האט געפילט אז ער האט מער נישט וואס צו זוכן אין דער ישיבה און האט אנגעהויבן זיך ארומדרייען לאנגווייליג.

עס איז געקומען חודש אלול. אין דער צייט וואס די מערסטע בחורים האבן זיך געגרייט צו די הייליגע און פארכטיגע טעג מיט נאך מער ערנסטקייט און פלייסיגקייט אינעם דאווענען און לערנען, איז יחזקאל געזעסן און געשפילט "שאך" אין משך פון לאנגע שעה'ן. איך האב רחמנות געהאט צו זען ווי דער עילוי'אישער בחור גייט פארפאלן און פארטרייבט די צייט מיט גארנישט, בין איך אריבערגעגאנגען צום "חזון איש" זצ"ל און געבעטן אז ער זאל אפירנעמען דעם בחור און אים שטעלן אין פלאץ.

דער חזון איש האט געבעטן הגאון ר' דוד פרענקל זצ"ל, ער זאל גיין רופן דעם בחור. ווען רבי יחזקאל איז אנגעקומען, האט דער חזון איש

בסי' שמג דעת רוב הפוסקים דחיוב חינוך הוא רק על האב ולא על האם. אבל אם אביו אינו שם חייבת כמבואר סי' תרמ גבי ישיבת סוכה, ועי' פסק"ת שם. **18.** עי' שו"ת באר משה ח"ה סי' סה, בא"ד: המ"ב (סי' קס"ח ס"ק מ"ה) כתב שאם נאפה המרקחת עם הרקיק ביחד אז בכל אופן בטל המרקחת ומברכין רק מזונות, א"כ ה"ה בנידון דידן מאחר שהגבינה נאפה ביחד וכו'. אולם אצל הרבה בני אדם הגבינה הוא החביב והעיקר וע"כ באמת כשהגבינה הוא עבה כפליים מהעיסה, לכאורה אינו נכון שיפטור הגבינה ע"י מזונות דעיסה (עיין בהג"ה סי' רי"ב ס"א), ובודאי הי' נכון שיברך שהכל על דבר אחר ויכוון לפטור הגבינה. אבל מלשון שו"ע הרב (סי' קס"ח סעיף ט') משמע דגם בכה"ג א"צ לברך רק מזונות. ועיין עוד בשו"ע הרב סי' רי"ב סעיף ט"ז, האוכל רקיק מתוק ומניח עליו גבינה מחוייב לברך על הרקיק מזונות ועל הגבינה שהכל. **19.** כמבואר באורך בספר שערי הברכה פרק יד סעיף יד. **20.** עי' שער הציון סי' קעז ס"ק ז, באריכות. **21.** אך באופן שמונחים כבר זה על זה, עי' שו"ת שבט הלוי (ח"ז סי' כז אות ו') כי שכבת האייזקרים לא בא רק ללפת ולהטעים היטב העוגה עצמה ומברך רק מזונות וכו'. **22.** עי' שערי הברכה פרק טו סעיף כט ובהערות. **23.** שו"ע הרב סי' קעד סעיף ד', וכ"ה בביאור הלכה סי' קעד ד"ה יין, בסוגריים. **24.** כמבואר היטב בשו"ת באר משה ח"א סימן יא אות ב. עי' שערי הברכה פי"ח ס"ט ופסק"ת קע"ד אות ג'. **25.** כפשטות לשון הרמ"א בסי' תצד: "אוכלים מאכל חלב ואח"כ מאכל בשר, וצריכין להביא עמהם ב' לחם על השלחן שהוא במקום המזבח. וביאר בחק יעקב, דהיינו לשתי הסעודות". אמנם יש מהאשכנזים שנהגו לאכול לחם רק בסעודת הבשר. **26.** דרכי תשובה סימן פט ס"ק יט: הנה מבואר ביש"ש פ"ב דביצה שכ' וז"ל כי פשיטא דאין שמחה אלא בבשר דהא שמחת יום טוב הוא הסעודה ולא נקרא סעודה להיות בו לב טוב ושמח בלי אכילת בשר.

## מדור זה נתנדב

**לכבוד שמחת נישואי החתן יוסף מאיר הכהן הי"ו**
בן ידידנו הנדיב הנכבד מוה"ר **בנימין הכהן לאנדא** נ"י - עב"ג **הכלה החשובה** תחי'
בת ידידנו הנדיב הנכבד מוה"ר **חיים יצחק הכהן פראנצאז** הי"ו
ביום ג' נשא הבעל"ט
יהי רצון שיזכה לבנות בית נאמן בישראל ולרוות רוב נחת דקדושה מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

## ברכות אויף פארשידענע מאכלים

### די ברכה אויף טשיז קעיק

**שאלה: וואס איז די ברכה אויף טשיז קעיק וואס רוב דערפון איז קעז און דער אונטערשטער טייל איז געמאכט פון מזונות?**

**תשובה:** מען זאל מאכן "בורא מיני מזונות" און באלד עסן אויך פונעם אונטערשטן טייל, און מען זאל נישט מאכן אויך "שהכל" אויפ'ן קעז.[18]

בנוגע די נאך ברכה (אויב מ'עסט נישט נאך אנדערע קעיקס א.ד.ג.), זאל מען זאגן "בורא נפשות", וויבאלד געווענליך עסט מען נישט פונעם מזונות אליין א כזית אין פיר מינוט ("כדי אכילת פרס").[19]

### הייסע קעיק מיט אייזקרים

**שאלה: ווען מען סערווירט ביי א סעודה אייזקרים מיט הייסע קעיק אלס נאכשפייז ("קינוח סעודה", "דעזערט"), וואספארא ברכה מאכט מען דערויף?**

**תשובה:** מען זאל מאכן א באזונדערע ברכה אויפ'ן קעיק און א באזונדערע ברכה אויפ'ן אייזקרים. (די פאר-ברכה פון א נאכשפייז ווערט נישט גע'פטר'ט מיט "המוציא"[20], אבער קיין נאך-ברכה מאכט מען נישט, ווייל עס ווערט גע'פטר'ט מיט ברכת המזון.)[21]

אויב מען עסט עס נישט אינמיטן א סעודה, זאל מען מאכן די נאך-ברכה "על המחי'" אויפ'ן קעיק און "בורא נפשות" אויפ'ן אייזקרים.

אים אויפגענומען זייער ווארעם און ליבליך און האט אים אויסגעפרעגט וועגן זיין משפחה און דערנאך אים געשטעלט א פאר שאלות אין לערנען. רבי יחזקאל האט געענטפערט אויף אלעם מיט חריפות און עמקות. דער חזון איש האט דאס אפגעווואנדן מיט שטארקע קשיות, אבער רבי יחזקאל האט נישט אויפגעגעבן און מיט גאונישער טיפקייט האט ער פארענטפערט די קשיות. אזוי איז אנגעגאנגען עטליכע שעה'ן די לעבהאפטע "מלחמתה של תורה", און ווען דער "פארמעסט" האט זיך געענדיגט, האט דער חזון איש ווארעם אפגעזעגנט דעם יונגן גאון, בעטנדיג אז ער זאל צוריקקומען צו אים מארגן נאכאמאל.

ווען איך האב געהערט ווי אזוי דער באזוך ביים חזון איש איז צוגעגאנגען, האב איך זיך געוואונדערט דערויף. איך בין אריינגעגאנגען נאכאמאל צום חזון איש און געזאגט, "איך פארשטיי נישט. פארוואס האט דער רבי אויפגענומען דעם בחור אזוי ווארעם און אים נישט אריינגעגעבן א פארציע מוסר ווי עס קומט אים? ווי איך האב געזאגט, רעדט מען דאך פון א בחור, וואס אין סאמע חודש אלול זיצט ער און בטל'ט די צייט מיט'ן שאך-שפיל און עפנט נישט קיין ספר. פארוואס זאל ער דען נישט הערן וואס ער דארף צו הערן?"

האט דער חזון איש מיר געענטפערט און ערקלערט די זאך. **"דאס נפש פון א מענטש,"** האט דער חזון איש געזאגט, **"דארף האבן א סיפוק און הנאה,** פונקט ווי דער קערפער דארף לופט צום אטעמען. דו קענסט נישט אוועקנעמען פון דעם בחור איין הנאה, **אָן דעם וואס דו גיבסט אים אנשטאט דעם עפעס אנדערש וואס מאכט אים צופרידן.** דער ריכטיגער וועג פאר אזא בחור און בעל-כשרון, אים צוריקצוברענגען אויפ'ן דרך המלך, איז צו רעדן מיט אים אין לערנען מיט אן עמקות און דערמיט אים געבן צו פארשטיין און שפירן דאס זיסקייט פון דער תורה הקדושה; אזוי ארום וועט ער ליב באקומען די תורה און אירע וועגן, און פון זיך אליין וועט ער זיך שוין אריינווארפן אין לערנען תורה און אפלאזן די אלע שטותים."

נאך עטליכע מאל איז דער בחור רבי יחזקאל געקומען צום חזון איש און געשמועסט מיט אים אין לערנען, דורכווארפנדיג שווערע סוגיות אין ש"ס מיט לומדישע סברות און שארפזיניגע פלפולים, שפירנדיג דערביי דעם זיסן טעם און גייסטיגע פארגעניגן אינעם תורה-לערנען. אט אזוי האט רבי יחזקאל, מיט דער ווארעמער באנעמונג און באציאונג צום אים פונעם גרויסן גאון און גדול בתורה, באקומען דעם חשק זיך ארייננצואווארפן פונדאסניי מיט א גרויס התמדה אין לערנען, ביז ער איז אויסגעשטיגן אלס איינער פון די גרויסע גדולי הדור, וואס איז געווען א גאנץ לעבן דבוק אין דער הייליגער תורה.



**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד שי'

**לז"נ הרה"ק ר' חיים זאנוויל בן ר' משה זצוק"ל מריביניץ**

זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל לפעול ישועות ורפואות וכל טוב

## אייזקרים מיט שטיקלעך מזונות דערין

**שאלה: וואס איז די ברכה אויף אייזקרים מיט שטיקלעך מזונות (קוקיס, וועיפער א.ד.ג.) אדער רויע טייג (cookie dough) דערין?**

**תשובה:** אויב עס איז אריינגעמישט רויע טייג, זאל מען מאכן "שהכל". אויב עס איז אריינגעמישט מזונות, זאל מען מאכן "מזונות".[22]

לגבי דער נאך-ברכה זאל מען מאכן "בורא נפשות", (וויבאלד מ'עסט מען נישט א כזית פונעם מזונות בכדי אכילת פרס).

## די מילכיגע סעודה

### א ברכה אויף קאווע

**שאלה: אויב מען ברענגט אריין שבועות נאך קידוש קאווע א.ד.ג. צו טרינקען, צי דארף מען מאכן דערויף א ברכה, אדער עס איז גע'פטר'ט געווארן מיט'ן וויין?**

**תשובה:** מען דארף נישט מאכן קיין ברכה, כאטש עס איז נישט געלעגן אויפ'ן טיש ביי קידוש, וויבאלד געווענליך ווייסט מען אז מען וועט אריינברענגען נאך געטראנקען נאך קידוש, און עס הייסט ווי מען וואלט אינזין געהאט דערויף (אפילו אויב מען ווייסט נישט פינקטליך וואס מען וועט סערווירן).[23]

### א ברכה אויף אייזקרים

**שאלה: אויב מען סערווירט אייזקרים, צי דארף מען מאכן דערויף א ברכה, אדער עס איז גע'פטר'ט געווארן מיט'ן וויין?**

**תשובה:** אייזקרים האט א הלכה ווי א מאכל און עס ווערט נישט גע'פטר'ט מיט דער ברכה אויפ'ן וויין, און אזוי אויך אייסעס וואס איז אינגאנצן פארפרוירן.[24]

### זיך וואשן צו א פליישיגע סעודה

**שאלה: די וואס וואשן זיך שבועות בייטאג צו א מילכיגע סעודה, צי דארפן זיי שפעטער עסן אויך א פליישיגע סעודה צוליב דער מצוה צו עסן פלייש יום טוב?**

**תשובה:** יום טוב דארף מען עסן פלייש ביי דער סעודה, און עס איז נישט גענוג אז מען האט געגעסן פלייש ביי דער ביינאכט-סעודה.[25] דערפאר, אפילו אויב מען וואשט זיך צו א מילכיגע סעודה, איז ריכטיג זיך צו וואשן נאכאמאל צו א סעודה און עסן פלייש. (אויב מען קען זיך נישט וואשן, זאל מען לכל-הפחות עסן א שטיקל פלייש.[26])

**איר קענט אריינשיקן שאלות און הערות צו 4592885mhh@gmail.com**
**אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

## לערנען די לימודים צענדליגע מאל א סגולה צו געהאלפן ווערן

לכבוד מכון הליכות החיים,

איך האב ב"ה יעצט געמאכט א סיום אויף א מסכתא. עס איז נישט דער ערשטער סיום מסכתא, אבער עס איז דאס ערשטע מאל וואס איך מאך א סיום און געדענק די גאנצע מסכתא, און איך בעט אויף ווייטער "דלא תתנשי מינן", איך זאל עס אויף שטענדיג געדענקען. איך האב זוכה געווען דערצו אדאנק א מעשה וואס איך האב געלייענט א יאר צוריק און עס האט געהאט אויף מיר א השפעה. פאלגנד איז די מעשה:

עס האט דערציילט א איד: "ווען איך בין געווען א בחור, בין איך אמאל אריין צום סטייפלער גאון זצ"ל און זיך אפגערעדט זאגנדיג, אז איך האב לעצטנס שוועריגקייטן מיט חברים, שפירנדיג אז אנדערע זענען נישט נייגעריג צו פארברענגען מיט מיר. עס שטערט מיר זייער; איך דארף האבן חברים און כ'דארף אז זיי זאלן מיר ליב האבן.

"האט דער סטייפלער מיר געענטפערט, 'זאלסט זען איבערצו'חזר'ן וואס דו לערנסט אסאך, אסאך מאל...'

"ווי באוואוסט, האט דער סטייפלער שוין פון זיין יוגנט אן זיך געמוטשעט מיט'ן הערן. עס ווערט דערציילט, אז ווען דער 'חזון איש' האט אנגעטראגן דעם שידוך פאר זיין שוועסטער מיט'ן סטייפלער, האט ער איר געזאגט אז דער בחור האט די פראבלעם אז ער הערט נישט גוט, אבער זי זאל וויסן אז 'די וועלט וועט אים גוט הערן'.

"הערנדיג די תשובה פונעם סטייפלער איבערצו'חזר'ן דאס לערנען בשעת איך האב זיך אפגערעדט אויף א פראבלעם מיט חברים, האב איך געטראכט אז דער גאון האט נישט גוט געהערט וואס איך זאג, האב איך אנגעהויבן רעדן העכער און איבערגעזאגט נאכאמאל אז **איך האב א פראבלעם מיט חברים נישט מיט'ן פארגעסן דאס לערנען.**

"'איך האב דיר געהערט דאס ערשטע מאל,' זאגט מיר דער סטייפלער, 'אבער זעט אויס, אז דו האסט מיר נישט גוט געהערט. איך האב דאך דיר געענטפערט אז זאלסט זען איבערצו'חזר'ן צענדליגער מאל אלעס וואס דו לערנסט.'

"יעצט האב איך שוין געוואוסט אז דער סטייפלער גאון האט מיר געהערט, אבער איך האב נישט פארשטאנען די תשובה וואס ער האט מיר געגעבן. 'מה ענין שמיטה אצל הר סיני?'... וואס האט איבער'חזר'ן די גמרא אסאך מאל מיט נשיאות חן ביי חברים? אבער אז דער גאון זאגט אזוי - האב איך געטראכט - איז דאס אפשר עפעס א סגולה, נו, וועל איך האבן אמונת חכמים און אזוי טון.

"איך האב זיך אנגעהויבן מאכן א סדר אין חזרות אויפ'ן לערנען, און נאך א קורצע צייט איז געקומען דער שינוי, און איך האב שוין געהאט גוטע חברים. ווי אזוי? איך בין פשוט געווארן א פרייליכער בחור! עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז איך האב געהאט א פראבלעם נישט מיט זיי, נאר מיט מיר אליין. איך האב ביז יעצט נישט געשפירט קיין הנאה אין לערנען, בין איך נישט געווען בשמחה, און ממילא האבן אסאך נישט געזוכט מיין געזעלשאפט. יעדע זאך האט מיר פארדראסן, און ווען עפעס איז מיר נישט געגאנגען גוט האב איך אלץ געוואוסט ווער עס איז שולדיג, און אלעמאל איז עס געווען יענער און נישט איך.

"אט דאס האט דער סטייפלער מיר גע'עצה'ט, אז איך זאל אנהייבן איבער'חזר'ן דאס לערנען גוט, און אזוי וועל איך פארשטיין און קונה זיין דאס לערנען. דאס האט אריינגעברענגט אין מיר א שמחה און מיך געמאכט א נייעם, פרייליכן מענטש, וואס עס איז אנגענעם זיך צו געפינען אין זיין סביבה."

די מעשה, ווי געזאגט, האב איך געזען געדרוקט א יאר צוריק, און איך האב דעמאלט געטראכט צו זיך אז איך האב ב"ה חברים, אבער איך קען נישט זאגן אז איך בין קונה דאס לערנען, וויפיל סיומי מסכתא איך זאל נאר נישט מאכן.

## די תורה הקדושה טוט איבערדרייען יעדן איד צום גוטן

לכבוד מכון הליכות החיים,

ווען עס האט אמאל איינער געפרעגט דעם וויזשניצער רבי'ן הגה"ק בעל "תורת מרדכי" זצ"ל, אין וועלכע ספרים עס איז גוט צו לערנען כדי צו ערוועקן אין זיך א חשק התורה. האט ער געזאגט אויף זיך, אז אין זיין יוגנט האט ער געטראפן דעם ספר "תורת הבית" אויף דער מצוה פון לימוד התורה פונעם "חפץ חיים" זי"ע און האט עס אדורכגעלערנט, און דאס האט אים שטארק געהאלפן נתעורר ווערן צו התמדה אין לימוד התורה.

פאלגנד זענען מורא'דיגע ווערטער וואס דער חפץ חיים שרייבט וועגן דער מעלה פון לערנען תורה: דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים (יט, יא) "ומתוקים מדבש", די תורה איז זיסער פון האניג. עס איז באקאנט, אז די טבע פון האניג איז, אז אויב עס וועט אריינפאלן דערין ברויט אדער פלייש א.ד.ג. און עס וועט ליגן דארט א לאנגע צייט, וועט דאס ווערן צעגאנגען און איבערגעדרייט אויף האניג. דערפאר, אויב עס איז אריינגעפאלן דערין אן איסור גמור, ווי טריפה-פלייש, וועט עס לויט רוב פוסקים מיט דער צייט ווערן א היתר גמור.

אט דאס זאגט דער פסוק: דאס מתיקות פון דער תורה איז אזוי גרויס, נאך מער ווי האניג, און אויב דער מענטש לערנט ווי עס דארף צו זיין און טוט זיך באהעפטן אין דער תורה, איז אפילו אויב די טבע פון זיין נפש איז פון אנהייב געווען ביטער, טוט דער כוח התורה אים רייניגן און היילינג, אז ער זאל איבערגעדרייט ווערן ממש צו אן אנדערן מענטש, ווי די משנה זאגט אין אבות (ו, א) "ומכשרתו להיות צדיק חסיד ישר נאמן", די תורה גרייט צו דעם מענטש צו זיין "א צדיק און חסיד, א רעכטפארטיגער און באגלייבטער".

י. א. מאנסי

## עס איז נישט קיין נסיון, מ'דארף בלויז ענדערן א געוואוינהייט

לכבוד מכון הליכות החיים,

אחדשה"ט,

וועגן זהירות ביים ענטפערן אמן איז געשטאנען אין גליון, אז מען זאל נישט ענטפערן ביז דער בעל-תפילה ענדיגט אינגאנצן דאס לעצטע ווארט, ווי חז"ל ערקלערן די הארבקייט דערפון. איך וויל צולייגן א געדאנק: עס איז נישטא נאך א זאך וואס מען קען דורך איר אזוי גרינג זוכה זיין צו אלע סגולות בזה ובבא, ווי מיט'ן ענטפערן דאס איינע ווארט "אמן", וואס מיר וויסן אז דאס עפנט די שערי שמים און מען איז זוכה צו אלעם גוטן אויף דער וועלט און יענער וועלט.

פון דער אנדערער זייט, אז מען ענטפערט אמן איין רגע צו פרי קען עס גורם זיין נישט נאר אז מ'זאל נישט פארדינען די אלע סגולות, נאר עס קען גאר ברענגען דאס פארקערטע און וואוקנעמען ח"ו די שפע.

אין דער זעלבער צייט איז, דוכט זיך, אויך נישטא נאך א נסיון וואס עס איז אזוי גרינג אים בייצושטיין, ווי צו ווארטן מיט'ן ענטפערן אמן ביז דער בעל-תפילה לאזט אויס אינגאנצן דאס לעצטע ווארט, וואס דאס נישט מער ווי ענדערן א געוואוינהייט.

יעדער איינער זוכט דאך גוטס פאר זיך מיט די קינדער, טייערע ברידער, על כן, נעמט אייך די פאר מינוט זיך איינצוגעוואוינען צו ענטפערן אמן ערשט נאכדעם וואס מען האט געענדיגט אינגאנצן זאגן די ברכה אדער שטיקל פון קדיש, און קומט אהיים פון שול מיט פולע זעק השפעות טובות.

ווי שוין דערמאנט, קענען די בעלי-תפילה, מיט'ן נישט אויסציען דאס לעצטע ווארט מזכה זיין דעם רבים צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, ושכרם הרבה מאוד.

ידידכם (-)




איך בין דעמאלט געגאנגען צו איינעם וואס זאל מיר אויסשטעלן א סדר צו מאכן חזרה אויף מיינע לימודים, און **איך קען זאגן אז יעצט האב איך שוין ב"ה קונה געווען איין גאנצע מסכתא, וואס איז "מיינס"**. דאס האט מיר אריינגעברענגט אינעם לערנען א שמחה און הנאה וואס איך האב קיינמאל פריער נישט געהאט. עס איז מיר גרינגער געווארן אין פיל נסיונות החיים, און היות איך פארגין אנדערע אויך דאס זעלבע, שרייב איך עס דא אריין, אז אנדערע זאלן האבן דערפון א תועלת און עס זאל זיין א זכות הרבים.

## תנה בני לבך לי ועיניך

לכבוד מכון הליכות החיים,

מיר שטייען ביים יום טוב שבועות, און אט קומט שוין דער זומער. די אנגענעמע זומער-טעג ברענגען מיט זיך מער נסיונות אין שמירת עינים. דארף מען זיין "קאמפס-גרייט" און וויסן אז מיר געפינען זיך שטענדיג אין קריגס-צושטאנד.

די ספרים הקדושים טייטשן: "כי תצא", ווען מען גייט ארויס - אויב ווייסט מען אז עס איז "למלחמה", און מען גרייט זיך און מען איז מתפלל צו זיגן אין דער מלחמת היצר, דעמאלט - "ונתנו ה' אלקיך בידיך", וועט השי"ת געבן דעם יצר הרע אין דיינע הענט און וועסט אים טאקע קענען בייקומען.

עס איז דא א בריוו פונעם הייליגן קאמארנער זצ"ל, אין וועלכן ער שרייבט אז אין זיינע יונגע יארן האט דער ס"מ זיך פארלייגט אויף אים, און דאס שמירת עינים איז אים אנגעקומען שווער און ביטער, ביז ער איז אריין אין בית המדרש, און שטייענדיג דארט איינער אליין האט ער זיך שטארק אויסגעוויינט פאר'ן אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט אים געהאלפן אז ער זאל זיך קענען היטן די אויגן אָן קיין מכשול.

עס איז מיר אמאל אויסגעקומען צו הערן פון הרה"ק רבי ישעי' יעקב מסקולען זצוק"ל, אז ווען ער איז געווען אלס יונגערמאן ביי איינעם פון די גדולי הדור, האט מען אים פארגעשטעלט פאר אים ווי א משפיע פאר בחורים און יונגעלייט. האט דער גדול אים געזאגט: "זאג זיי, אז עס איז נישט קיין עבירה צו האבן א יצר הרע. עס איז נאר אן עבירה צו פאלגן דעם יצר הרע."

א מענטש קען אמאל צעבראכן ווערן טראכטנדיג, ווי פאסט עס פאר מיר, אז איך זאל האבן נסיונות?! אבער ניין - די נסיונות זענען דא און וועלן אלעמאל זיין.

אז מיר שטייען יעצט ביים יום טוב שבועות, דער יומא דהילולא פון דוד המלך ע"ה, איז עס א צייט זיך מתבונן צו זיין אין דעם וואס דוד המלך אנטפלעקט אונז אין די קאפיטלען אין תהלים

# ונתן לנו את תורתו

## ענייני ברכת התורה

### מדור זה נתנדב

לזכר נשמת הרבני הנעלה

הרה"ח ר' **יחיאל מיכל** ב"ר **נחמן** ז"ל

וזוגתו מרת **הענדל** בת ר' **דוד** ע"ה

נעקד"ה ביום ו' סיון א' דשבועות

ה' ינקום דמם

### זהירות אין זאגן ברכת התורה

**א]** מען דארף זיין זייער געווארנט צו זאגן ברכות התורה יעדן טאג, און דער עיקר זהירות איז מכוון צו זיין פירוש המילות, זאגן געלאסן ווארט בייווארט און נישט אויסלאזן קיין ווארט, און מען זאל עס זאגן מיט א חשק און טראכטן אז מען לויבט השי"ת אויף א זאך וואס איז דאס לעבן פונעם מענטש בעוה"ז ובעוה"ב. (בשו"ע ס"א ברכת התורה צריך ליזהר בה מאד, וכתב הלבוש דמאוד צריך ליזהר שהתוה"ק חשובה בעיניו ונהנה ממנה ועיין כה"ח א'.)

### מחשיב זיין די תורה

**ב]** אין "שולחן ערוך הרב" (סי' מ"ז סעיף א') שטייט: מען דארף זיין זייער געווארנט אין ברכת התורה, ווייל דאס לאנד ארץ ישראל איז חרוב געווארן נאר ווייל מען האט נישט געמאכט קיין ברכה אויף תורה פאר'ן לערנען. וויבאלד דאס לערנען איז נישט געווען אזוי חשוב אין זייערע אויגן, האבן זיי נישט געמאכט קיין ברכה דערויף, און די תורה האט נישט געקענט אויף זיי באשיצן. (וראה בספה"ק דגל מחנה אפרים בשלח בשם מרן אור שבעת הימים הבעש"ט הק', וז"ל: "ועל פי זה תבין מה שאמר אא"ז זללה"ה על מאמר חז"ל [נדרים פא.] 'מפני מה חרבה ירושלים על שלא ברכו בתורה תחילה', ואמר הוא ז"ל היינו שלא ברכו ברכת והערב נא שהוא ברכה ראשונה שמברכין על התורה בבוקר והוא פלא, ועל ידי הנ"ל הוא מובן כי צריך להתפלל על זה כמו שאמר הוא ז"ל כי התורה הוא סוד אדם שלם ויש בה מים מתוקים ומים המרים וצריך להתפלל ולבקש זה מאת ה' שיטעום בתורתו המים מתוקים וערבים וזהו ברכת והערב נא".)

דערפאר זאל יעדער מענטש זען אז די גלוסטיגע כלי [די תורה] פון הקדוש ברוך הוא, וואס ער איז זיך משתעשע מיט איר יעדן טאג, זאל זיין חשוב אין זיינע אויגן, צו מאכן א ברכה אויף איר מיט א שמחה מער ווי אויף אלע הנאות אין דער וועלט, וואס דאס ווייזט אז ער איז עוסק אין איר לשמה, און דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו דער קייט וואס ציט זיך פאר דעם וואס איז עוסק אין איר לשמה, אז עס וועט מקויים ווערן ביי אים "לא ימושו מפיך ומפי זרע זרעך", די תורה וועט זיך נישט אפטון פון אים און זיינע קינדער און קינדס-קינדער, און עס זאל ערפילט ווערן די בקשה וואס ער בעט אין איר ברכה "ונהיה אנחנו וצאצאינו", מיר און די ארויסשטאמיגע פון אונז און די קינדער פון אלע אידן זאלן וויסן דעם אויבערשטנ'ס נאמען און לערנען תורה לשמה.

### "אשר בחר" קעגן מעמד הר סיני

**ג]** דער "טור" שרייבט, אז די צווייטע ברכה "אשר בחר בנו מכל העמים" גייט ארויף אויף מעמד הר סיני, וואס השי"ת האט דעמאלט בוחר געווען דאס אידישע פאלק מער פון אלע פעלקער און אונז געגעבן די תורה מתוך אש.

### פארוואס מען מאכט צוויי ברכות

**ד]** דער ב"ח שרייבט: ביי ברכת התורה מאכט מען צוויי ברכות. צוערשט מאכט מען די ברכה "אשר קדשנו במצותיו וצונו לעסוק בדברי תורה", אזוי ווי מען מאכט א ברכה אויף אלע מצוות, און מען ענדיגט צו: "והערב נא ה' אלקינו". ווייל השי"ת העלפט און טוט אונטערלערנען יעדן איינעם וואס

◄

ווען די שווערע נסיונות וואס ער האט געהאט און איז זיי בייגעקומען.

אט דאס איז אונזער עבודה: צו וויסן אז דער יצר הרע איז דא און איז אנגעמאסטן אויף אונז, עס זאל אונז זיין שווער נאר מיר זאלן די שוועריגקייטן איבערקומען. ווי אזוי? דורך דער תורה הקדושה. "בראתי יצר הרע - בראתי תורה תבלין כנגדו".

א באלערנדע מעשה פון שמירת עינים האט דערציילט הרב יעקב יוסף בוקסבוים הי"ו. עס האט מיר אנגערופן א יונגערמאן - דערציילט ער - און געזאגט: "איך האב ב"ה געהאט א שמחה, אויסגעמישט מיט שרעק און זארג. עס איז מיר געבוירן געווארן א קינד. די דאקטוירים האבן געזאגט אז עס וועט האבן ל"ע א הארץ-סינדראם און מען דארף גיין דאס אונטערזוכן ביי גרויסע ספעציאליסטן.

"אויף די אנווייזונגען פון די עסקנים אין 'רפואה העלפ ליין', זענען מיר געגאנגען צו א גרויסן דאקטאר אין קאלאמביע-שפיטאל. ער האט געמאכט א טעסט און צוריקגעקומען מיט'ן זעלבן דיאגנאז, צוגעבנדיג אז דאס קינד וועט דארפן האבן עטליכע אפענע הארץ-אפעראציעס, און נאך די אלע אפעראציעס וועט ער האפנטליך קענען לעבן.

"מען קען זיך אליין פארשטעלן וואס עס מיינט אזא בשורה פאר א טאטע-מאמע. מיר ווייסן, אז די פלאגענישן וואס א מענטש גייט אריבער זענען געצילט אים אויפצואוועקן פון שלאף, און אזוי איז געשען ביי מיר. איך האב מתפלל געווען און געזאגט: 'רבוש"ע! לאמיר מאכן א בייט... איך זינג דאך ביי שמחות, איך בין אויפ'ן "סטעידזש", עס קומען אונטער באזונדערע נסיונות אין שמירת עינים. איך ארבעט טאקע כסדר אויף זיך, אבער יעצט נעם איך זיך אונטער מיט א באזונדער זהירות צו היטן די אויגן ווי עס דארף צו זיין. איך גיב דיר מיינע אויגן, און דו - טאטע אין הימל! - גיב מיר א לעבעדיג, געזונט קינד.'

"אזוי אויך ביי די נאכפאלגנדע שמחות, האב איך אלץ געשעפטשעט א תפילה: 'רבוש"ע! איך גיב דיר מיינע אויגן, און דו גיב מיר א געזונט, ליכטיג קינד.'

"ווען מיר זענען צוריקגעגאנגען נאכאמאל מאכן טעסטן און געהאפט צו הערן בעסערע בשורות, האבן די דאקטוירים איבערגע'חזר'ט דאס זעלבע, זאגנדיג אז עס איז נישט קיין ספק אין דער ערנסטקייט פונעם קינד'ס מצב. דורכאויס דעם ערשטן האלבן יאר - האבן זיי ערקלערט - וועט דאס קינד וואוינען אין שפיטאל און דורכגיין איין אפעראציע נאך דער

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

## הגליון והפצתו נתנדב

לזכר נשמת האי גברא יקירא שייף עייל ושייף נפיק, מלמד תשב"ר קרוב לארבעים שנה
**הרה"ח ר' שלמה ב"ר בנימין אליעזר ז"ל מאנדל - יא"צ ביום ט"ו סיון**
נתנדב ע"י בני משפחתו מוקירי זכרו
יהי רצון שימליץ טוב בשמי מרומים ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים, וזכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד בעדם לזכות לברכות התורה אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד

איז עוסק אין תורה, און ער לערנט אויס דעם מענטש צו פארשטיין די תורה אין איר גאנצער קלארקייט, דערפאר בעט מען "והערב נא", השי"ת זאל אונז זיס מאכן די תורה, מיר זאלן איר פארשטיין.

נאכדעם מאכט מען נאך א ברכה "אשר בחר בנו", וואס איז נישט קיין ברכה אויפ'ן מקיים זיין די מצוה, נאר א ברכה פון לויב און דאנק צו השי"ת וואס ער האט אונז געגעבן זיין תורה, זיין "גלוסטיגע כלי", פון פייער, און ער האט אונז אויסגעקליבן צווישן אלע פעלקער און אונז געברענגט צום בארג סיני. און וויל השי"ת האט אונז אנגעזאגט אין זיין תורה אז מיר זאלן נישט פארגעסן דעם מעמד הר סיני, דערפאר דארפן מיר אינזין האבן ביי אט-דער צווייטער ברכה צו דאנקען השי"ת אויפ'ן מעמד הר סיני און דער תורה וואס ער האט אונז דעמאלט געגעבן.

### ארויסזאגן אויך די אייניקלעך

**ה]** מען זאגט ביי ברכות התורה "אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו" כאטש אלע יוצאי חלציו זענען נכלל אין "צאצאינו", וויל ווען מען דאוונט דארף מען קלאר מפרש זיין וואס מען בעט. (ובספר עבודת ישראל ליקוטים כדי לרמוז שיהא היחוד על ידינו בשם הויה ובשם אדני העולים צ"א עיי"ש.)

**ו]** מען זאגט "כולנו יודעי שמך", וויל דער תכלית פון לערנען תורה איז "לדעת את ה'".

### "נותן התורה" בלשון הוה

**ז]** מען זאגט "נותן התורה" (השי"ת גיט די תורה) בלשון הוה, און נישט "נתן התורה" (ער האט געגעבן), און אזוי אויך "המלמד תורה" בלשון הוה, וויל דער אויבערשטער גיט כסדר די תורה דורך דעם וואס מען איז זוכה צו פארשטיין די טעמים פון די מצוות התורה.

### פארוואס מ'מאכט נישט א ברכה נאכ'ן לערנען

**ח]** דער לבוש שרייבט, אז מען מאכט נישט קיין ברכה נאכ'ן לערנען אזוי ווי מען מאכט נאך קריאת התורה, וויל מען דארף אייביג עוסק זיין אין לימוד התורה אפילו בשעת מען האט זיך שוין געלייגט אין בעט, ביז מען שלאפט איין (ממילא איז נישט שייך צו מאכן א ברכה דערנאך.)

### דער גרויסער חסד מיט'ן געבן די תורה

**ט]** די ספרים שרייבן אז דער חסד וואס השי"ת האט אונז געגעבן זיין תורה איז נאך גרעסער ווי די פרנסה וואס ער גיט אונז, וואס איז מן הדין, וויל אז ער האט אונז באשאפן דארף ער דאך אונז שפייזן, אבער די תורה איז נאר ממדת החסד.

דערפאר זאגט מען ביים בענטשן מזומן "ברוך אלקינו" (אלקים איז מדת הדין), וויל דאס עסן איז מן הדין, אבער ביים עולה זיין צו דער תורה זאגט מען "ברכו את ה'" (דער שם פון מדת הרחמים), וויל דאס וואס השי"ת גיט אונז די תורה איז נאר מיט מדת הרחמים.

אנדערער, און מען וועט דארפן אסאך מזל אז צום סוף זאל ער זיין געזונט.

'"רבוש"ע! האב איך ווייטער מתפלל געווען. 'אויב עס איז אמת וואס זיי זאגן, וועט דאס מיינען פאר מיר זיך דרייען אין מאנהעטען א האלב יאר צייט אין די זומער-וואכן. נו, איך האב דאך קיים גענומען אויף זיך א התחזקות אין שמירת עינים, ווי אזוי וועל איך דאס אויסהאלטן?... איך בעט דיר, רבוש"ע! איך וועל ארבעטן אויף שמירת עינים, און דו מאך אז איך זאל זיך איינשפּאָרן די נסיונות און נישט דארפן אנקומען אין אזעלכע פלעצער, כ'זאל קענען זיין אן ערליכער איד.'

הודו לה' כי טוב! השי"ת האט אויסגעהערט מיין תפילה, און צום וואונדער פון די אלע דאקטוירים וואס האבן זיך געשעטעלט ארום דעם קינד'ס בעטל, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס קינד האט נישט קיין שום הארץ-פעלער! דער ברית איז געווען אין צייט. דאס קינד האט נישט געדארפט קיין אפעראציעס. ער איז ב"ה געזונט און שטארק און ערציט זיך ביי אונז אין שטוב געהעריג, פונקט ווי אלע קינדער, אן קיין שום פראבלעמען און קאמפליקאציעס.

*

שמירת עינים איז א גרויסער נסיון וואס קומט אן שווער, און אפטמאל זייער שווער, אבער מען שפארט זיך דערמיט אסאך אנדערע שוועריגקייטן. מען דארף דערצו אסאך תפילה, אסאך סייעתא דשמיא, צו שטיין על המשמר, ואלמלי הקב"ה עוזרו לא יכול לו.

אז מיר וועלן זיך שטארקן און הייליגן, וועט מען אונז העלפן און הייליגן פון הימל און מיר וועלן בעזה"ה זוכה זיין צו א גליקליך לעבן מיט אלעם גוטן בזה ובבא.

*

**מיטצוטיילן מעשיות להנאת אלפי הקוראים, ביטע פארבינדט זיך צו דער הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער לאזט א מעסעדזש אויפ'ן טעלעפאן: 845-276-3170**

*

**לז"נ מוה"ר שמואל דוד ב"ר צבי פינחס הכהן ע"ה**
**ומוה"ר ישכר בער ב"ר טובי' גדלי' ע"ה**
לא השאירו אחריהם זש"ק
ונא ללמוד לעילוי נשמתם

דער זכות פון לימוד הלכה און קיום מצוות פון **זעכציג טויזנט אידן** בליעה"ר איז אייערס.
מנדב צו זיין דעם קומענדיגן "הליכות החיים" פון יו"ט שבועות אדער א מדור אינעם גליון, רופט: 845-659-1547

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170